# מעינקע קאַץ

מיכאַל־ישאָק ברענט. סווענציאַן פלאַקערט. ליטע וואַרפט זיך אין קדחת פון מלחמה.

„ס׳האָט די צייט  
דאָס שטעטל צום אומקום פאַראורטיילט,  
אַ מעת־לעת פייער האָט דורות שלאָף פאַרציקט.“

שוין האָט דער קריג „צוויי וואַנזיניקע יאָר ווי מיט אַ בלוטיקן שפינוועב דאָס שטעטל פאַרשפונען.“ דער וואַנזין ווערט פאַרטויזנטפאַכט דורכדעם, וואָס די יידן אין שטעטל זייַנען דורכאויס פּאַסיוו, דורכאויס קרבן: ווער ס׳זאָל נישט שיסן, דייטש, רוס, פּאָגראָם־באַנדע, ווייסגוואַרדעיער — דער שטעטל־ייד איז סיי־ווי דערליידער. קיין צד איז ער נישט, לויכט גאָרנישט אויף אין אים, פלאַקערט אַלץ נאָר אַרום אים, פלאַקערן אויף אים די קליידער, די האָר, די הויט, פלאַקערט אין אים דאָס ביסל חיות — און טאָפּיעט זיך אין זיין פאַרצווייפלונג, ווי דאָס פלעמל פון אַ ליכטל אינעם צעשמאָלצענעם רעשטל חלב ביים סאַמע דנאָ.

און אַז דאָ־אָ ווערט געבוירן יעיסקע ביי כאַסקע אהרן־וועלוולס — און די מאַמע שטאַרבט בשעת געבורט, צוליב אַ גראַנאַט־אויפרייס, און דאָס עופהלע גייט־איבער צו דער לעבעדיקער אלמנה באַדאַנע, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט אַ משפחה קינדער און מיט אַ שרעקלעכן דלות — איר מאַן אין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אינעם גאָלדענעם לאַנד — איז ווי מאָלט מען אָט־די משפחה, מיט איר הונגער, מיט איר צעיאָמערטן וויטאָג, מיט אירע שטענדיקע סם־גיסנדיקע פחדים, אויב נישט אין דער מאַניר פון פאַנטאַסמאַגאָרישן אימאַזשיניזם, וואָס איז אַזוי באַליבט ביים דיכטער מעינקע קאַץ?

האָט קאַץ אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן ברענענדיקן שטעטל, ווי עס וואַרפט זיך אַ דורשטיקער אין אַ מדבר אויף אַ קוועלכל — זאָל זיין זאַמדיקע און בלאָטיקע וואַסער. דאָ איז זיין רחבות. דאָ איז זיין וועלט. דאָ

---

„מאָרגן־פרייהייט“, 8טן מאַי, 1938, צום דערשיינען פון מעינקע קאַצס צוויי ביכער: „ברענענדיק שטעטל“, פּאָעמע פון מלחמה־צייט.

קען מען לאָזן וואוילגיין דער קרענקלעכער ליידנשאַפט זיינער פּאַר צע־פּאַלאַשעטע וויזיעס פון דעגענעראַציע און צעשטערונג. דאָ קען ער גראָבן די פינגער אין שימל און קילן דאָס האַרץ מיט וועלפישן וואָיען.

אין מיכאַלישאָק, אין מלחמה־צייט, קומט דאָך אויס, אַז די קרענק־לעכע פאַנטאַזיע־וואָקכאַנאַליע איז געזעצלעך: אַזוי, משמעות, איז דיווירקלעכקייט פונעם ברענענדיקן שטעטל.

נו, האָט מעינקע אַ זופּ געטאָן שרעק־שטאָף אין זיין קריג־פּאָעמע אַזוי גיריג, אַז ס'וואָלט געקלעקט אַנזעטיקן צען פּאָעמעס מיט אַן עודף. אַז מען מעג, איז דאָך נישט שייך. איז — וואָס דאָ לאָזט זיך נישט גע־פינען! אַמע די צעדרייטע „פויזעט אין בית־עולם אום". די באָד גלי־ווערט „אונטער אַ צודעק פון וואַסער־שימל". אויף אַ חרוב'ן בית־מדרש „טוט אַ נייע לבנה אָן תכריכימדיקע ציכן". די אויסגעדאַרטע קו איז „אַ חלום אין געריירטע געהירן". אַרום איר שטייען: משוגענער נומער איינס מיט דער גוליע, „וואָס אויף זיין האַלדז־קנאָפּ שטענדיק רייסט", משוגע־נער נומער צוויי, וואָס מיט זיין לאַנגער באָרד קען ער „די שדים, ווי מיט אַ בעזים, אויסקערן", משוגענער נומער דריי, מיט די טראַכאָמע־אויגן און „אַ האַלבער תורה אין די צעפּראָרענע אָרעמס", משוגענער נומער פיר — די קו אַליין — „מיט די זאַדיק־ביינער דורך דער פּעל דורכגעשניטן"; קעגן אַמען „דאַוונט דער צעבער אויפן האַרן". ס'איז חי געלעבט! אויף יעדן טריט — טהרה־ברעטער. הירש־לייב תרשיש שטייט אויף פונעם קבר — צי אפשר לעבט ער נאָך, ווער ווייסט? — דיריגירט מיטן כאָר פון די זעכצן צעשמיסענע משוגענע הינט, וואָס דער היצל קלייבט זיך שינדן באַגינען. קאָשמאַר. וואַנזין. לאַמצידריידאַם.

דער אַלטער אַרסענאַל פון מעינקעס קאַצס פּאָעזיע, פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל אינגאַנצן נישט באַפרייט, שיינט צו זיין ווי אָנגעמאָסטן אויף אָט־דעם ליבהאַרציקן שטאָף. מעינקעס קאַץ קען אויך שרייבן קלאָרע, ליכטיקע, פאַרשטענדלעכע, מענטשלעכע, אי טרויעריקע, אי פריילעכע לידער, ווי ער האָט דאָס געוויזן אין דעם צווייטן באַנד פון זיינע ווערק („דער מענטש אין טאָגן"). אָבער ציען ציט אים נאָך צו זיין אורשפּרינג־לעכן האַלב־מיסטישן, טונקעלן, שווערגעמיטלעכן, צופיל־אָנגעשפּאַנטן און פאַרסימבאָלעוועטן אימאַזשיניזם. און דאָ האָט דער מאַטעריאַל זיך געלאָזט אַריינאַרבעטן אין דער דאַזיקער פּאָעטישער סיסטעם גאָר ווי נאַטירלעך. איז דען מלחמה נישט אַ קאָשמאַר? זיינען דען יעיסקעס געדאַנקען נישט דאָס צאַרטע פּעסט־בלימל, וואָס וואַקסט אויס אויף שימל? איז דען די ליבע פון צוויי יונגע קינדער אונטער די קוילן פון פייער און הונגער —

נישט די ליבע פון צוויי שטשורעס אין די אונטערערדישע רינשטאָקן פון הוגאָס „לע מיזעראַבל״ ?

— יעיסקעלע, סטעיסקעלע,
יינגעלע קלוג
מיט וואָס איז פול
דער וועלט־קרוג ?
— מיט בוט־בוט־בוט !

מען רעדט אַזוי נישט אין ווירקלעכן לעבן. אָבער איז דען דאָס מלחמה־לעבן — ווירקלעך ? איז דאָס דען נישט אַלעס — אַ זעאונג פון אַ משוגענעם אין דעלירױום ?

שאַפט מעינקע אין ערשטן באַנד פון זיין „ברענענדיק שטעטל״ מיט אַ ברייטער האַנט — און ס׳ווירקט, און אַ סך בילדער און כאַראַקטעריסטי־קעס און סצענעס און אימאַזשן קריצן זיך איין מיט פייער־שטריכן אין זכרון : די גאַנצע באַדאַנע׳ס משפחה — פון דער שוין האַלב־דערוואַקסענער דוועירקע ביז יעיסקען ; בלומקעס לידל ; דאָס בילד פון דער צאַרישער אַרמיי ; סוועגציאַן ; די יונגע ליבע אין אַפּריל. און נאָך. און נאָך. אַ סך געלונגענע אויסדריקן. אַ מאַסע אויפריכטיקייט. אַ שלל מיט וויטאָג. פּאָעזיע איז דאָס עכטע, פונעם האַרצן אָפּגעריסענע — מיטן פליייש, מיט נערוון, מיט נאָך־צאַפּלדיקע אָפענע בלוט־געפעסן . . .

און דו ביסט רייך, מיין שטעטעלע סוועגציאַן !
רייך איז מיט פייער דיין בראַנדיקע ערד,
רייך
איז מיט פינצטערניש דיין הימל פון פיין.

איך האָב געזען דיין האַרץ אויף יעדן שפּיז.
האַלבע נאַכט אין שריפות — האָב איך געמיינט :
ס׳איז
אין גיהנם אַ זון־פאַרגאַנג געווען.

איז ביזטו רייך, מיין שטעטעלע סוועגציאַן,
אָ, רייך מיט בלוט, ווי דיין פאַרנאַכט מיט גאָלד.

אָבער, ערשטנס, זיינען די גוטע שטעלן — נישט דער גאַנצער בוך ; און, צווייטנס, קען מען אַ פּראָלעטאַרישן פּאָעט אויך דאָ פרעגן אַ סך גע־רעכטע פראַגן. פאַרוואָס איז דאָס גאַנצע אַזוי פאַרווירוואַרט, אַקוראַט ווי דאָ וואָלט געהערשט אַ בלינדער משוגענער „שיקזאַל״ און נישט דער באַ־שטימטער ווילן פון געוויסע גוט־באַקאַנטע סאָציאַלע קרעפטן ? פאַר־וואָס איז נישטאָ קיין קלאַסן־ליניע צווישן די מלחמה לידער, ווען מיר ווייסן, אַז די יידישע גבירים פון מיכאַלישאַק און סוועגציאַן האָבן אַ סך

וויניקער געליטן ווי די באַדאַנעס? פאַרוואָס איז די פּעוואָראַל־רעוואָלוציע אַריינגעבראַכט געוואָרן אַזוי נעבלהאַפט, אומוואַרשיינלעך, און דעריבער אומבאַגלויבט? פאַרוואָס איז כמעט נישטאָ גאַרנישט וועגן אָקטאָבער? פאַרוואָס קריגט די רויטע אַרמיי קוים איין בלעטל — אַ סך וויניקער, ווי די משוגענע קו, און צוואַנציק מאָל וויניקער, ווי הירש־לייב תרשיש, דער אונטער־שמש פונעם חסידישן מנין? פאַרוואָס זיינען די באָלשע־וויקעס — נישט רעאַל, נאָר אַזוי פאַ׳רמליצה׳וועט, אַז מען קען זיי קוים דערקענען? פאַרוואָס היט זיך מעינקע קאַץ פאַר אַ רעאַליסטיש בילד, וואָס אַ פּראָסטער אַרבעטער־לייענער זאָל עס קענען איבערלייענען, פאַר־שטיין, פאַרדייען און ווערן גייסטיק־רייכער? פאַרוואָס מוטשעט אונדז מעינקע קאַץ אַזוי פיל און אַזוי איבעריק — וואָרום וואָס איז צו איז דאָך אָלעמאָל איבעריק? פאַרוואָס האָט ער אַזויפיל אינטערעס אָפּגעגעבן דער קרענקלעכער פּסיכאָ(פּאַטאָ)לאָגיע און אַזוי וויניק — דעם סאָציאַלן לעבן?

נאָר אויב מען קען דאָס נאָך פאַרענטפערן אין ערשטן בוך דערמיט, וואָס אַזוי האָט מעינקע קאַץ אַלס קינד אַליין געזען די מלחמה און וואָס דער צוועק זיינער איז געווען — איבערגעבן פּאָעטיש, ווי אַזוי מיכאַילישאָק פון יענער צייט „דורך אַ פייער־מיל צעריבן", האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין געדאַנק פון אַ יונגן הונגעריקן יינגל — און מיר גיבן־צו, אַז אַ דיכטער האָט דאָס פולע רעכט אויסצוקלייבן זיין טעמע, זיין שטאָף און זיי באַ־האַנדלען ווי אים דאַכט זיך אַמבעסטן — איז דער פאַרענטפער וויניקער גילטיק אויפן צווייטן בוך.

וואָרום אין צווייטן בוך איז שוין נישטאָ קיין מלחמה. אין צווייטן בוך זוכן שוין באַדאַנע׳ס קינדער פאַרדינסטן. און די משפחה קלייבט זיך אַרויספאָרן קיין אַמעריקע. דאָס קען מען דאָך נישט פאַרגלייכן מיטן שטעטל אונטער דעם איבערפאַל פון אַלערליי אַרמייען. איז פרעגט זיך: ווי קומט עס, וואָס אויך דאָ האָבן מיר אַזויפיל „דערשאָסענע מיט כאַרכלענ־דיק געזאַנג", אַזוי פיל „טהרדיקע פינצטערניש פון קבורה־שטיבל" — און, דער עיקר, אַזויפיל איבערגעלאָדענע אימאַזשן, אומקלאָרע, פאַר־וויקלטע, צעשויבערטע בילדלעך, סימבאָלישע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס קלינגען ווי רעטענישן — און אַזוי וויניק לעבעדיקן פּאָעטישן מענטש־לעכן אמת?

אויך אין דעם צווייטן בוך זיינען דאָ ערטערווייז פּראַכטפולע בילדער, העכסט־געלונגענע אויסדרוקן, אָפט — אַן אַטמאָספערע פון אַ ווינקל ווירק־לעכקייט, וואָס פרישט אָפּ, נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט מיטן עלנט. וואָרום אמת האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער פרישט־אָפּ. אָבער דאָס ווערט

נישט זעלטן דערטרונקען אין אַ גאַנצער כוואַליע פון אויסגעקרימטע, אויסגעפייניקטע, טיילווייז אומנויטיקע אימאַזשן. דער עיקר: צופיל שרעק. אויך אין ערשטן בוך קומט אַ צייט, ווען דער מוח סטאַפּט: מער קיין שרעקן קען ער נישט פאַרנעמען. בלייבן נאָר ווערטער אָנשטאָט ווירקונג. אין צווייטן בוך איז דאָס נאָך אַן אָפּטערע דערשיינונג. ווארום אין צווייטן בוך דאַרף שוין זיין רעקאָנסטרוקציע פון די מענטשלעכע לעבנס — און מעינקע קאַץ וויל זיך נישט שיידן מיט זיינע געליבטע גרוילן.

באַקומען זיך שוין דיסאָנאַנסן. בלומקע איז געפונען אַ דערטרונקענע אין ברונעם. נו, ס'קען פּאַסירן. שלעפּט מען זי אַרויס — איז זי אַ בלאָער מת — איז שוין גענוג שרעק. אָבער אַז עס שטייט ווייטער: „איר בלוט האָט דעם חושך געליכטיקט" — איז דאָס שוין נישט ריכטיק. ערשטנס, איז נישטאָ קיין בלוט; צווייטנס — ווי קען פאַרגליווערט בלוט „ליכטיקן" אַ חושך?

נאָך אַמאָל: פאַראַן אַ סך ערלעכע שורות און סטראָפן אינעם צווייטן ביכל. פאַראַן דאָס אַלגעמיינע געפיל פון צעשטערטקייט, פון חורבות, פון פאַרלאָזנקייט. דאָס איז אפשר דאָס ווערטפולסטע אינעם צווייטן בוך.

„וויפל יאָמער קען די שטילקייט פאַרבאָרגן,<br>
וויפל שוואַרצקייט קען די פינצטערניש זען,<br>
וויפל טרויער קען דער טרויער טרויערן,<br>
האָט באדאנע געוויזן מיט הילפלאָזע הענט<br>
איבער עלינקע'ס קבר פאַרבראָכן."

גוט. אָבער פאַרוואָס אַזוי ווייניק פון דעם סאָרט, און פאַרוואָס אַזויפיל „פרירנדיקע וואונדן", „בית־עולם שדים", „געשטאַלטן פון גיהנם", „טהרהדיקע פינצטערניש", „גוססדיקער מורמל" — און אַמאָל אומבאַגרינדעטע זאַכן, ווי אַ שטייגער דאָס, וואָס מענטקע גלעט די הענגענדיקע פוס־פינגער פונעם מת? און פאַרוואָס אַזויפיל יאוש — אָן אַ פיצל שטראַל?

מיר ווילן, חלילה, נישט מינימיזירן דעם וויכטיקן בייטראג פון אָט־דעם ווערק צו אונדזער ליטעראַטור. ס'איז אַ רייך ווערק. ס'איז אַ ווערק מיט פאַרנעם, טעמפּעראַמענט, קונסט־קראַפט, קראַפט. אָבער עס ליידט פון אָט־דעם „צופיל", וואָס מיר האָבן נאָכאַנאַנד אָנגעוויזן אין אָט־די באַטיצן. עס ווילט זיך נאָר האָפן, אַז אין דריטן און לעצטן בוך פון דעם ווערק, — דעם איבערגאַנג קיין אַמעריקע — וועט ער זיך אָפּזאָגן פון אָט־די זעלבסט־פייניקונגען, וואָס פאַרפייניקן אָפט זיין פּאָעזיע, און זיך ענדלעך פעסט אוועקשטעלן אויפן באָדן פון דעם פּאָעטישן רעאַליזם, סאָציאַליסטישן רעאַליזם, פאַר וועלכן ער איז גענוג באַוואָפנט.

מ. אָלגין

# קולטור און פאָלק

אָפּהאַנדלונגען און עסייען וועגן
קולטור און וועגן שרייבער

מיט אַ פאָרוואָרט פון פּ. נאָוויק

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק, 1949

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף
פונעם חבר
**ש מ ו א ל ד ע מ ב ו ם**
(ניו־יאָרק)
אין הייליקן אָנדענק פון
**זיין שוועסטער לאה עלקע**
**און ברודער ישראל און זייערע משפחות,**
וואָס זיינען אומגעקומען אין פוילן,
דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

# KULTUR UN FOLK

(Culture and the People)

***By* M. Olgin**

Foreword by P. NOVICK


1 9 4 9

PUBLISHED BY YKUF

189 Second Ave., New York 3, N. Y.

209

Printed in the U.S.A.



מ. אָלגין — פאָטאָגראַפירט אין רעדאַקציע „מאָרגן־פרייהייט“, אין 1938.

# מ. אַלגינס ווערק אין יידיש

„געלעבט—געקעמפט״, בראַשור, 1906 (אָנגעשריבן אין 1904).

„דער לעצטער קרבן״, בראַשור, 1907 (אָנגעשריבן אין 1904).

„ווען דאָס לעבן רופט״, נאָוועלן און בילדער, 194 ז״ז. דערשינען אין 1912, אין פאַרלאַג „פּראָגרעס״, וואַרשע (פריער דערשינען אונטערן נאָמען „ווען קייטן קלינגען״, שליסט־איין „געלעבט־געקעמפט״, און „דער לעצטער קרבן״).

„דאָס יידישע וואָרט״, כרעסטאָמאַטיע, 2 העפטן, דערשינען אין 1913.

„אין דער וועלט פון געזאַנגען״, אָפּהאַנדלונגען וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן, 1919.

„מיין שטעטל אין אוקראַינע״, 1921.

„פון מיין טאָגבוך״, 1926.

„האַווריל און יואל״, 1927.

„טראָצקיזם״, 1937.

צעבראָכענע גראַטעס״, 1937.

צווישן די צענדליקער בראַשורן, וואָס אַלגין האָט אָנגעשריבן, געפינען זיך: „וואָס ווילן די סאָציאַליסטן?״ „אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטיי״, „קאָמוניזם — צוליב וואָס און פאַר וועמען?״ (דערשינען אָריגינעל אויף ענגליש אונטערן נאָמען „ווהאי קאָמוניזם״, און איבערזעצט אויף צוועלף שפּראַכן); „וואָס ווילן די לינקע אין די יוניאָנס?״, „נאָדל־אַרבעטער, וואוהין פירט אייער קאַמף?״, „דער קלאַסן־קאַמף אין אַרבעטער־רינג״, „רעכטס און לינקס אין אַרבעטער־רינג״, „דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן״, „אב קאַהאַן — ווער איז ער? וועמען פאַרטרעט ער?״

איבערזעצונגען: פון העברייאיש — צוויי בענד מענדעלע מוכר־ספרים; פון פויליש — אַ באַנד דערציילונגען פון עליזא אָרזשעשקאָ, „פרייהייט־קעמפער״ פון א. ניעמאָיעווסקי; פון דייטש — אדלהייד פּאָפּפּ „יוגנט־געשיכטע פון אַן אַרבעטערין״; פון רוסיש — סעמיאָן יושקעוויטשעס „הונגער״, לעאָניד אנדרייעווס „קעניג הונגער״, „זיבן געהאַנגענע״, „דער געדאַנק״, לעוו טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת״; פון ענגליש — דזשעק לאָנדאָנס „די שטימע פון בלוט״ („קאָל אָוו דהי וואַילד״), דזשאָן רידס „צען טעג וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט״, און אַנדערע.

## דערשינען נאָך זיין טויט

„פאָלק און קולטור״, זאַמלונג פון אַרטיקלען, פאַרלאַג „איקוף״, 1939.

געזאַמלטע שריפטן (רעדאַקטירט פון פּ. נאָוויק), באַנד 1 — „1905״, באַנד 2 — „אַמעריקע״, באַנד 3 — „סאָוועטן פאַרבאַנד״.

# אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט פון פּ. נאָוויק ........................ 9

**פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור**

אויפן ברייטן וועג ........................ 41

פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור ........................ 50

יידישע קולטור אין אַמעריקע ........................ 59

די פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור ........ 65

דער „פּראָלעטפּען" ........................ 69

אַנדערש ........................ 77

וועגן אָפּגעטער און קריטיק ........................ 81

קונסט און רעוואָלוציע ........................ 86

קולטור און פּאָליטיק ........................ 96

צוויי מאָסן ........................ 105

לייוויק און הירש לעקערט ........................ 116

צו די אַוועקגעגאַנגענע ........................ 126

„איקוף" ........................ 130

וואָס הייסט קולטור־אַרבעט? ........................ 134

מיר און יידיש ........................ 137

לאָמיר זיך לערנען ריידן יידיש ........................ 141

אַנטיסעמיטיזם און די יידישע קולטור ........................ 145

דרך־ארץ פאַרן פאָלק ........................ 153

**שרייבער און זייערע ווערק**

מענדעלע מוכר ספרים ירושה ........................ 161

שלום־עליכם ........................ 166

זייט

צוויי בריוו פון שלום־עליכמען .... 176
פּרץ דער ליריקער .... 181
מאָרים ראָזענפעלד .... 191
ה. ד. נאָמבערג .... 202
יצחק מאיר ווייסענבערג .... 212
א. ראַבאָין אַ סאַלוט .... 221
א. ראַבאָי .... 227
ז. וויינפּער .... 243
מלכה לי .... 252
בער גרין .... 255
באָוער־פּאָוער .... 259
י. א. ראָנטש .... 265
מארטין בירנבוימס לידער .... 270
מענקע קאַץ .... 281
חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן .... 286
צבי הירשקאָן .... 290
יעקב שייפּער .... 295
יאָסל קאָטלער .... 299
משה נאַדיר .... 304
ביל גראָפּער .... 311
אַ ליטעראַטור גייט — אַ ליטעראַטור קומט .... 320
לענין און טאָלסטאָי .... 331
דער ליבטיקער פּושקין .... 337
מאַקסים גאָרקי .... 342